פרשת
חיי שרה
שנה ד' - גליון קל"ד
עש"ק כ"א חשון תשע"ב

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
4:20
זמן מוצאי שבת
5:47
סוף זמן קרי"ש 9:38

## נאך א ציגל און נאך א ציגל
## מיר בויען דעם בית המקדש!

א פרישער גייסט ביי אונז אין חדר ווען עס ווערט אויפגעפרישט אין די כיתות דער מצוה צעטל סיין - א הערליכער בית המקדש מיט ציגל ארום און ארום. א יעדע קינד באקומט א ציגל אויפן וואנט וואס דארט וועט ארייגעלייגט ווערן זיינע "מצוה ציגל" צעטלעך יעדע וואך.

א יעדע מצוה'לע איז חשוב און דאס העלפט צו אויפבויען דעם בית המקדש. איך וועל זוכן צו טוהן מצוות נאך און נאך.



## אקטיוויטי פון די וואך

**די וואך** ווען מיר לערנען פון די מאמע'ס, שרה און רבקה אז **די דריי זאכן וואס איז געווען ווען שרה האט געלעבט איז צוריק געקומען ביי רבקה**, טאקע אין אזא געצעהלט זענען מיר די וואך געווען.



**מיין רבי** האט אונז גענומען אויף א שפאציר אין די ברייטע האללוועי'ס אין חדר אויפאמאל הייסט דער רבי אריין גיין אין ספעציעלן חדר ווען מיר גלייבן נישט וואס מיר זעהן דארט א **"געצעהלט"** און א גרויסן וואלקן איז העכערן דַאך פון דעם געצעהלט אויך צוויי ריזיגע ליכט וואס ברענט אזוי הערליך און שיין און א גרויסע לאנגע פרישע חלה **ממש אזוי ווי ביי שרה - רבקה**, מיר האבן זיך שיין אראפגעזעצט אינעם געצעהלט ארום דעם טיש, מיין רבי האט אונז אזוי שיין פארציילט פון יענע צייטן מיט אזא דערהויבנקייט, אט די גרויסע חלה האט מען דאנערשטאג אויפגעשניטן און פארטיילט פאר אלע קינדער א שטיקל אָהּ אַה ווי גוט און פיין איז דאס געווען.

**מיר ווילן** זיך טאקע ספעציעל באדאנקען אין נאמען פון אלע קינדער און מלמדים פאר **הרה"ח ר' אברהם יצחק הכהן פראנצויז שליט"א** פון **"פראנצויז בעקעריי"** פארן צושטעלן אזא שיינע גרויסע חלה כדי דאס צו קענען אנווייזן פאר די קינדער פון קינדערגארטן צו קענען פארשטיין די סדרה. און אזוי אויך ביי יעדע געלעגנהייט ווען ס'איז נאר שייך. אין זכות פון תשב"ר זאלט איר זוכה זיין צו אלע ברכות. אמן.

## אויפגעשפילט די פרשה

**די וואך** האט מען אויך אזוי הערליך פארגעשטעלט עטליכע שיינע זאכן פון די סדרה, צום ערשט איז ארויף געקומען אברהם אבינו (בעריש מיטעלמאן) ווי ער האט פארהאנדלט מיט מר. עפרון (משה רוקח) איבער דעם מערת המכפלה מיר האבן געזעהן ווי אברהם גיבט פאר מר. עפרון די **400 $** און עפרון גיבט אים די שליסלעך פון די מערת המכפלה. דערנאך רופט אברהם אבינו (אשר ענזיל בראך) זיין קנעכט אליעזר (מאיר זאב לאזאר) און הייסט אים גיין ברענגען א כלה פאר יצחק, אבער נאר א פיינע כלה וואס טוט חסד. אליעזר איז געגאנגען צו די עכטע ברינען און זעצט זיך דארט אראפ ווארטן צו זעהן וועלכע מיידל איז א פיינע וואס טוט חסד. פלוצלונג קומט אן א מיידל'ע מיט א קריגעלע אויפן אקסל וואס הייסט רבקה (מנחם ווערטהיימער) און ווען אליעזר בעט איר צו טרינקען האט זי אים גלייך געגעבן און אויך פאר די קעמלעך, אה דאס איז א פיינע כלה פאר יצחק וואס טוט חסד שרייט אליעזר









הויעך! דערנאך איז מען געגאנגען צו זייער הויז און לבן (פישי מארקאוויטש) איז געקומען צו לויפן מען האט זיך געזעצט צו א סעודה מיט בתואל (שלוי' רובינפעלד) ווען בתואל הייסט אליעזר שוין עסן זאגט אליעזר אז ער וויל קודם רעדן, קומט א מלאך (אברהם ברוך ווייס) און טוישט אויף די טעללער דערנאך איז רבקה געווארן די כלה און יצחק איז געווען א חתן אלע קינדער האבן אנגעהויבן צו זינגען עוד ישמע... ספעציעל האט מען געזעהן די וואך ווי אזוי א ערליכער אינגל (משה קאהן) שטייט אויף צופרי און זאגט מודה אני שיין און גלייך גיסט ער זיך אפ נעגל וואסער, און טראגט דאס שיין ארויס, גיבט אכט נישט אויסגיסן אלע קינדער צוזאמען האבן געזאגט די טייטש פון מודה אני און געזינגען א איד צו זיין איז טייער.. לאמיר אלע טאקע זיין א ערליכער איד.





## השכמת הבוקר חלק א'

**דעם** לימוד "השכמת הבוקר" האבן מיר שוין פארענדיגט חלק א', מיין רבי האט אונז שיין געוויזן מיט א לעוואר און טעפל ווי אזוי אן ערליכער איד דארף זיך אפגיסן נעגל וואסער ביים בעט און דאס גלייך ארויס טראגן יעצט ווייס איך שוין גוט ווי אזוי א איד דארף אויפשטיין זאגן מודה אני און איך וועל זיך שוין אכטונג געבן זיך אפגיסן גלייך נעגל וואסער אזוי ווי א ערליכער איד, די שיינעם אויפפירונג צעטל פאר די קינדערגארטן וואס מיר האבן אהיים געברענגט ווי מען טוט צייכענען מיין אויפפירונג פון "השכמת הבוקר" א גאנצע וואך דאס וועט אונז צוגעוואוינען זיך אויפצופירן ווי א ערליכער איד.

## ~ מידה פון די וואך - גמילות חסדים ~

**מיר** לערנען זיך פון די מאמע רבקה וואס האט געטוהן חסד, א טובה צו טוהן פאר מיין חבר אוועק צו געבן פאר יענעם אפילו עס איז מיינ'ס, אזוי ווי מיין רבי האט פארציילט די שיינע מעשיות פון רביה"ק בעל "דברי יואל" זכותו יגן עלינו ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד, דאס לערנט אונז

גאר אסאך ווי אזוי מען דארף זיך פירן אלץ א אידיש קינד, לכבוד דעם האבן מיר געזוכט צו טוהן "חסד" מיט אן אנדערע חדר מיר האבן אויפגעהויבן די טויס און שיין צוזאם געפאקט יענע גאנצע חדר, אויך האבן מיר אלע געברענגט א גוטע זאך פאר מיין חבר, און מיר ווייסן שוין צו העלפן א חבר אנטוהן און צו צומאכן זיין קויט, **צו טוהן חסד מיט א צווייטן ווייס איך שוין זייער גוט.** ווי אויך אין שטוב ארויסצוהעלפן א חסד פאר מאמי-טאטי אדער פאר געשוויסטער. מיין רבי האט דאס שיין פארציילט. יעצט וויל איך א חסד טוהן **ווען מען קענען ארויס שרייבן אויף די מצוה צעטל וואס פאר א חסד איך האב געטוהן אין שטוב.**

## ~ חכמה'לעך ~

ווען די רבי האט ארום גערעדט פון טוהן א חסד אזוי ווי רבקה רופט זיך **יענק'לע** אן: אז זיין טאטע איז שוין א **"חסד מעמבער"**... אזוי ווי רבקה.

משה'לע האט פארציילט אז אלע מענטשן פון סדום זענען געווארן **בלוט... (בלינד)**

ווען מען האט געפרעגט **שמעון** וויפל טירן אברהם אבינו'ס הויז האט געהאט האט ער געוויזן דא! די **איבערגעדרייטע טעללער**... ארט'ס און קרעפטס..

מאיר יודא האט געזעהן א **פאליס** האט ער געזאגט ער האט צוגענומען די באבע שרה, אויך איז ער אריין אין א **באקס** און געזאגט דא ליגט די באבע שרה..

בערל'ע האט באמערקט ווי די גוי'טע וואס רוימט אין שטוב דרייט זיך ארום, האט ער געשריגן: **"דריי דיך נישט אויס ווייל דו קענסט ווערן א שטיק זאלץ"...**

## ~ מעסעדזש פון די וואך ~

**חשוב'ע עלטערן שיחיו** ביטע זיכער מאכן איידער איר שיקט אייער אינגל אין חדר אז ער איז **גענצליך ריין פון "לייז" און "ניץ"** מען זאל גוט אויסקעמען די האר פון "ניץ" **עלטערן פלאגן זיך שטארק צו האלטן זייער קינדער ריין דערפון עס איז נישט רעכט אז וועגן איין קינד זאלן אנדערע ליידן. מיר האפן אויף אייער פולע קאאפעראציע**

# מזל טוב ווינטשן

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**שלמה ב"ר חיים בנימין אליעזר ווערטהיימער נ"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יצחק ב"ר מרדכי שווארטץ נ"ו**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אברהם יצחק ב"ר דוד לייבוש וייסמאן נ"י**

לכבוד זיין אפשערן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' יואל כ"ץ שליט"א

ר' יואל הערש שפיטצער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**חיים ב"ר מרדכי לייב צוויבל נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אשר ב"ר אברהם לייב ליכטמאן נ"י**

לכבוד זיין ברודערס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א

ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**דוד יצחק ב"ר חיים אליעזר פאלקאוויטש נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' שמשון פאגעל שליט"א

ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יואל ב"ר יחזקאל טעללער נ"ו**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א

ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**שמואל נתן ב"ר ישראל משה בערקאוויטש נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' מנחם מענדל פארקאש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**ברוך יודא ב"ר אברהם מתתי' קאהן נ"י**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א

ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**מרדכי שמואל ב"ר מאיר ישכר קאהן נ"י**

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**שלמה ב"ר יואל בראך נ"י**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**משה דוד ב"ר חיים אלעזר טעללער נ"ו**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' שמשון פאגעל שליט"א

ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**יוסף מאיר ב"ר יואל טעללער נ"ו**

לכבוד זיין פעטער'ס חתונה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אלי' ב"ר יואל פוקס נ"י**

לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**אליעזר ב"ר יואל ישראל וואגשאהל נ"ו**

לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה

**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**

ביי ר' ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ר' שמואל ברוך מרדכי קאהן שליט"א

**פון הארצן טיפן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

## הרה"ח ר' יואל צוויבל שליט"א לכבוד זיין מופן צו די נייע דירה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**דער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין א גוטער ישוב און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אייערע קינדער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר**

ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אלע תלמידים

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**